# אנווייזונגען פאר מענטשן וואס זענען געווארן אויסגעשטעלט צו מיזעלס און זענען נישט אימיון

איר זענט געווארן אויסגעשטעלט צו עמיצער וואס האט מיזעלס. וויבאלד איר זענט נישט אימיון צו מיזעלס, קענט איר ווערן קראנק אדער מאכן אנדערע מענטשן קראנק.

דאס איז וואס איר דארפט וויסן וועגן מיזעלס:

- מיזעלס ווערט **פארשפרייט** דורך אטעם-פליסיגקייטן און דורכן אטעמען די זעלבע לופט ווי א מענטש מיט מיזעלס.
- מיזעלס איז **זייער אנשטעקיג**. מענטשן מיט מיזעלס קענען אנשטעקן אנדערע פון פיר טעג איידער זיי באקומען אן אויסשלאג ביז טאג פינף נאכן אנהויב פונעם אויסשלאג.
- די **ערשטע סימפטאמען** פון מיזעלס זענען פיבער נאכגעפאלגט מיט הוסן, רינענדע נאז און רויטע, וואסערדיגע אויגן.
- **שפעטערדיגע סימפטאמען** זענען א שטייגנדע פיבער און אן אויסשלאג איבערן גאנצן קערפער.
- מיזעלס קען גורם זיין **אנדערע געזונטהייט פראבלעמען**. זיי שליסן איין אויער אנטצינדונג, דייעריע, נומאניע, מפיל זיין, מח אנטצינדונג און האספיטאליזאציע. מיזעלס קען אפילו פאראורזאכן טויט.

דאס איז וואס איר זאלט טהון:

- וויבאלד מענטשן קענען פארשפרייטן מיזעלס צו אנדערע מענטשן אפילו איידער דער אויסשלאג הויבט זיך אן, **קענט איר זיין אנשטעקיג יעצט.**
- עס איז זייער וויכטיג צו **בלייבן אינדערהיים און אוועק פון אנדערע מענטשן פאר 21 גאנצע טעג** נאכדעם וואס איר זענט געווארן אויסגעשטעלט. דאס איז די צייט וואס איר קענט ווערן קראנק און אנשטעקן אנדערע מענטשן.
- **פארמיידט זיך פון האבן באזוכער** פאר די גאנצע 21 טעג נאכדעם וואס איר זענט געווארן אויסגעשטעלט.
- **גייט נישט ארויס** איינקויפן, צום ארבעט, שולע אדער רעליגיעזע אינסטיטוציעס אדער סערוויסעס דורכאויס די צייט.
- **האלט קינדער אינדערהיים און אוועק פון אנדערע** דורכאויס און אריינגערעכנט 21 טעג נאכן ווערן אויסגעשטעלט.

דאטום פון זיין אויסגעשטעלט:_________________

דאטום ווען איר קענט צוריקגיין צו נארמאלע אקטיוויטעטן:________________

אויב איר ווערט קראנק און דארפט זעהן א דאקטער, **רופט פאראויס** צו זאגן פארן דאקטער'ס אפיס אז עס איז מעגליך אז איר האט מיזעלס כדי דער אפיס זאל קענען סקעדזשול'ן אייער אפוינטמענט ווען אנדערע פאציענטן וועלן נישט זיין אויסגעשטעלט (צום ביישפיל, נאך ארבעטס שטונדן). דער דאקטער'ס אפיס קען אייך בעטן צו נוצן אן אנדערן אריינגאנג.

וויבאלד דער 21-טאגיגע צייט אפשניט איז אדורך געגאנגען, רעדט מיט אייער דאקטער וועגן באקומען דעם **מיזעלס וואקסין** אייך צו פארמיידן פון קראנק ווערן אינעם צוקונפט.